בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

בשלח
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## ברויט פון הימל

### חלק א: מן פון הימל

#### די וואונדערליכע מראה

**די** געשיכטע פון די מן וואס איז געפאלן פון הימל, איז פון די וואונדערליכסטע געשעענישן וואס האט זיך אפגעשפילט אין די אלטע צייטן; וויפיל מען וועט נאכזוכן וועט מען נישט טרעפן אפילו נאר אן ענליכע סענזאציע אין די גאנצע היסטאריע פון אונזער פאלק, אדער להבדיל אין די געשיכטעס פון אנדערע פעלקער. דאס אז א פאלק פון מיליאנען מענטשן זאלן יעדן טאג געפיטערט ווערן מיט לחם מן השמים, עסן וואס פאלט פון די הימל?! דאס איז געווען עפעס צום געדענקען! דער רמב"ם זאגט, "דער גרעסטער נס פון אלע ניסים וואס ווערן דערציילט אין די תורה איז דאס וואס דאס אידישע פאלק האט געוואוינט אין מדבר פאר פערציג יאר און באקומען א טעגליכע פארציע פון מן." (מורה נבוכים ג:נ).

די וואונדערליכע מראה פון די מיסטעריעזע עסן וואס פאלט פון הימל אין די לאגער פון די אידן דורכאויס פערציג יאר, איז געווען אזא איבערגעוועלטיגער נס וואס איז קיינמאל נישט איינגעפאלן פאר כישוף מאכערס אדער שווינדלער צו פראבירן אויפקומען מיט אזא 'וואונדער'. עס האט קיינער נישט גע'חלומ'ט צו אויסטראכטן אזא מעשה - זיי וואלטן זיך נישט געוואגט.

ליגנערס דארפן זיין זייער פארזיכטיג. זיי קענען נישט זאגן סתם אין דער וועלט אריין. אויב זיי ווילן אויפבויען א מהלך פאר זייער אבערגלויבן (פאלשע אמונה), וועט א פאלאץ געבויעט אינגאנצן אויף לופט זיך נישט קענען האלטן מער ווי גאר א קורצע צייט. דערפאר זאגן זיי זאכן וואס איז שווער צו אפווארפן, ווי חז"ל זאגן, הָרוֹצֶה לְשַׁקֵּר יַרְחִיק עֵדוּתוֹ - "ווער עס וויל זאגן ליגנט, וועט ברענגען זיינע באווייזן פון ווייט."

#### טועם זיין דעם וואונדער

**אין** די גאנצע היסטאריע פון אלע פעלקער פון די וועלט און להבדיל אויך ביים אידישן פאלק איז נישט געווען קיין גלייכן צו אזא וואונדער ווי די מן. און דאס האבן בייגעוואוינט נישט בלויז עטליכע לייט, נאר אפאר מיליאן מענטשן. און נישט נאר וואס זיי האבן דאס געזען, נאר זיי האבן אויך באקומען דערפון. יעדער מאן און פרוי, יעדער אינגל און מיידל האט באקומען פון די מן און עס טועם געווען!

עס זענען פארהאן פארשידענע סארט 'וואונדער' וואס אזוי גערופענע קונצלער באווייזן, אבער קיינער טאר נישט צוקומען נאנט עס אויסצופראבירן, צו זען אויב דאס איז טאקע עפעס א מופת אדער אן אילוזיע.

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

אבער דער מן איז געווען גאר עפעס אנדערש - דאס איז געווען א וואונדער וואס מיליאנען מענטשן האבן דאס צוגעזען און אויך געגעסן דערפון - זיי האבן דאס אויפגעהויבן און אריינגעלייגט אין זייערע מיילער. און דאס האט נישט פאסירט איין מאל, נאר יעדן טאג דורכאויס פערציג יאר. וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אָכְלוּ אֶת הַמָּן אַרְבָּעִים שָׁנָה - פערציג יאר, טאג נאך טאג, האבן די אידישע קינדער געגעסן די מן (בשלח טז: לה).

## דאס קען נישט געהאלטן ווערן אלס א סוד

**דערפאר**, קענט איר זיכער זיין, זענען זיי געווארן אזוי פריילעך מיט די מן - דאס איז עפעס וואס מ'קען קיינמאל נישט פארגעסן.

שטעלט זיך פאר אזא סצענע, איר וועקט זיך אויף מארגן אינדערפרי, איר קוקט ארויס צו אייער הויף און איר זעט א ווייסע פוכיגע (פלאָפי) שיכט אויף די ערד - אין דער זומער.

איר גייט ארויס און איר פרעגט, "מן (וואס איז דאס)? וואס גייט דא פאר?" איר ווילט פארשטיין וואס דאס איז, הייבט איר עס אויף. איר נעמט עס אין אייערע הענט און לייגט עס צו די נאז, עס שמעקט נישט שלעכט. איר וואלט עס געוואלט טועם זיין, אבער פארשטייט זיך איר קענט דאס נישט טון אן קיין הכשר דערויף - איר ווייסט נישט ווער עס האט דאס איבערגעלאזט דארט. אבער שטעלט אייך פאר אויב איר וואלט עס יא טועם געווען און עס האט גאנץ א פיינער טעם; טַעְמוֹ כְּצַפִּיחִת בִּדְבָשׁ - עס קאסט אזוי ווי א צַפִּיחִת אין האניג. מיר ווייסן נישט וואס דאס איז צַפִּיחִת, אבער צַפִּיחִת בִּדְבָשׁ איז עפעס געטונקען אין האניג. און אויב איר נעמט דאס אריין אין אייער קאך און איר מאכט דערפון א לאטקע, דאן טַעְמוֹ כְּטַעַם לְשַׁד הַשָּׁמֶן - עס קאסט ווי א זיסע לאטקע.

אלזא, ווען איר וואלט דאס אנטדעקט, וואלט איר נישט געהאלטן דעם סוד ביי זיך. איר וואלט זיך געאיילט צום בית המדרש אדער כולל און איר וואלט דערציילט פאר יעדן וואס איר האט געפונען. זיי וועלן אייך מן הסתם נישט גלייבן, אבער איר וועט ווייטער שרייען, "קומט און זעט אליין!" און איר וועט נישט רוען ביז זיי וועלן אייך טאקע נאכגיין.

## מיר דארפן האלטן די מן אין געדאנק

**אזא** אויסערגעווענליכער איבערלעבעניש ווי דאס, ווען עס פאסירט צו א גאנצע פאלק אויפאמאל, גייט נישט פארביי אן איבערצולאזן אן אייביגער רושם. אה ניין! די מן האט איבערגעלאזט אן איינדרוק וואס איז איינגעזיגלט געווארן אין אונזער נשמה אויף שטענדיג. דער נס פון די מן טוט נאך אלץ אפקלינגען צווישן אונז ביז צום היינטיגן טאג. מיר דארפן אבער אביסל בעסער דורכטון דער ענין צו פארשטיין ווי ווייט עס איז אונז נאך אלץ נוגע ביז צום היינטיגן טאג.

ערשטנס, איז וויכטיג צו וויסן אז דער באשעפער האט נישט געגעבן די מן נאר פאר יענעם דור. קַח צִנְצֶנֶת... וְהַנַּח אוֹתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם לְמִשְׁמֶרֶת לְדֹרֹתֵיכֶם. זיי זענען באפוילן געווארן צו אוועקלייגן אביסל פון די מן אין משכן אלס א משמרת פאר קומענדיגע דורות (בשלח טז: לג). נישט נאר וואס מען האט עס געלייגט אין משכן - דאס איז פלאצירט געווארן אין הייליגסטן ארט אין משכן, גלייך נעבן דעם ארון אין קודש הקדשים. זעען מיר אז די מן איז געגעבן געווארן אלס אן עדות פאר אלע דורות אז מען זאל געדענקען די מערקווירדיגע ערשיינונג וואס האט פאסירט מיט אונזער פאלק - אז עסן איז געפאלן פון הימל יעדן טאג דורכאויס פערציג יאר פאר א פאלק מיט מיליאנען מענטשן.

דער פאקט אז די מן איז געהאלטן געווארן אלס אן עדות באווייזט אז דער באשעפער וויל מיר זאלן טראכטן פון דעם נס - מיר דארפן אריינגעמען די מן אין קאפ. עס איז אונזער פליכט צו געדענקען די מן און רעדן דערפון.

## רעדן דערפון מיט אנדערע

**דאס** איז אפשר א נייער דערהער צו מערסטנס מענטשן - רעדן פון די מן?! יא! עס איז ערווארטעט פון אונז צו זיין כסדר באוואוסטזיניג צו די מן וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין מדבר. אייגנטליך, איינע פון די וויכטיגסטע טעמים פארוואס די מן איז געפאלן איז דערפאר ווייל מיר זאלן רעדן דערפון!

יעדן טאג זאגן מיר: הוֹדוּ לַה׳ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו - דאנק דעם באשעפער, רוף אויס אין זיין נאמען און מאך באקאנט צווישן די פעלקער זיינע טואונגען. דאס מיינט אז דער באשעפער באווייזט אונז זיינע וואונדער בעיקר פאר׳ן צוועק איז מיר זאלן נאכאנאנד דאס איבער׳חזר׳ן אין אונזער קאפ, און נישט נאר זאלן מיר טראכטן דערפון, נאר קִרְאוּ בִשְׁמוֹ - מיר זאלן אויך רעדן דערפון. מען פארלאנגט פון אונז צו רעדן פון די וואונדער וואס דער באשעפער האט געטון. קִרְאוּ בִשְׁמוֹ מיינט, ׳רוף אויס אין זיין נאמען׳. צו ווּעמען זאלן מיר אויסרופן? סיי ווער עס וועט אויסהערן!

צי האט איר זיך אמאל אפגעשטעלט צו רעדן צו אייער שכן פון ווי אזוי דער באשעפער האט אונז געשיקט עסן יעדן טאג פאר פערציג יאהר? כמעט פופצן טויזנט טעג פון עסן מן! איר שעמט זיך צו רעדן דערפון מיט אייער שכן? איז רעדט דערפון מיט אייער ווייב! כאטש צו אייערע קינדער זאלט איר רעדן דערפון! עס איז אזוי וויכטיג צו רעדן פון ווי אזוי דער באשעפער האט געפיטערט אונזערע אור-עלטערן דורכאויס פערציג יאר מיט עסן פון הימל, אז איר זאלט ארויסזוכן מענטשן וואס ווילן הערן.

## דערמאנונגען פון די מן

**מיר** האבן געוויסע זאכן וואס ווערן געשטעלט אלס דערמאנונגען, אבער עס איז א שאד אז מיר ניצן עס נישט גענוג אויס. אפילו צייכנס פון די מן וואס מיר פראקטיצירן יא ווערן באדייטלאז ווען זיי ווערן איגנארירט -מיר טראכטן נישט פון וואס מיר טוען.

צום בייַשפיל ווען איר קומט אהיים פרייטאג צונאכטס און איר זעט די צוויי חלות אויף א ווייסע טישטוך צוגעדעקט מיט א חלה דעקל איבער דעם. זאלט איר זיך אפשטעלן און אויסניצן די גלענצנדע געלעגנהייט. עס איז אזוי געלייגט געווארן מיט א וויכטיגע סיבה - עס דארף צו דינען אלס צייכן פון די מן. די מן איז געפאלן צווישן צוויי ריינע ווייסע טישטוכער. אזוי איז עס געפאלן יעדן טאג. עס איז געווען א שִׁכְבַת הַטָּל - א דינער שיכט פון טוי אויף דער ערד און עס איז געווען ווייס, ווי א ווייסער ליילעך. אויבן פון די מן איז געווען נאך א שיכט פון ווייסע טוי; די מן איז געלעגן צווישן צוויי ציכטיגע טישטוכער און איז אזוי געהאלטן געווארן שיין און פריש.

דערפאר לייגן מיר א ווייסע טישטוך אונטער די חלות און א צודעק איבער די חלות. דאס איז די באדייט דערפון אבער קיינער טראכט נישט אריין אין דעם - אדער גאנץ זעלטן. פארוואס זאלט איר דאס נישט אויספראבירן קומענדיגע מאל? גייט נישט סתם צו צום טיש אן טראכטן איבער דעם סימבאל - ווען איר קומט צום שבת טיש און איר זעט די צוויי חלות וואס זענען צוגעדעקט מיט א טישטוך, פארוואס זאלט איר זיך נישט אפשטעלן פאר עטליכע סעקונדעס און טראכטן דערפון. נאך בעסער, זאגט אויך פאר אייער פאמיליע דערפון.

און נישט נאר איין מאל - יעדע שבת קענט איר דאס זאגן. טראכט נישט אז איר טוט גארנישט אויף מיט׳ן עס זאגן. קינדער, אפילו ווען עס זעט אויס ווי זיי איגנארירן וואס מען רעדט צו זיי, גייט עס אריין. די קערנדלעך וואס מען פלאנצט איין אין מענטשן׳ס קעפ פארבלייבן דארט און איין טאג וועט עס ברענגען הערליכע פירות.

# חלק ב: ברויט פון הימל

## עסן זון שיין

**דער** אמת איז, איר דארפט נישט ווארטן ביז שבת. אפילו מיטוואך, אינדערפרי ווען איר זעצט זיך עסן אייער פרישטאג, אדער אייער נאכטמאל פארנאכטס און איר זעט א שטיקל ברויט, דארפט איר האבן א שטיקל בילד פון די מן אין אייער קאפ. פארוואס נישט? ברויט איז נישט קיין קלענערער נס ווי די מן, אויסדריקליך!

ווי אזוי קומט די ברויט ארויס פון דער ערד? עס איז א נס. און איר ווייסט וואס, דאכט זיך אז עס איז א גרעסערער נס ווי די מן וואס איז געפאלן אין מדבר! די מן איז כאטש געקומען פון הימל! פארוואס זאל עס דען נישט פאלן פון הימל?! אבער דאס אז ווייץ זאל ארויסקומען פון די ערד?! קיינער קען דאס נישט באמת ערקלערן. די לאנגע זאנגען פון ווייץ זאלן ארויסוואקסן פון שמוץ?! דאס איז א נס!

ניסי ניסים! פון אביסל ערד און אביסל לופט און אביסעלע זון שיין, ווערט ברויט ערצייגט. ווי אזוי ווערט לופט ברויט? עס איז א נס. קוילנשטאף (קארבאן דיאקסייד) אין די לופט קאמביבנירט זיך מיט די זונען שיין. זונען שיין! יא, מיר עסן זונען שיין ווען מיר עסן ברויט. דאס איז וואס עס איז. זונען שיין מישט זיך אויס מיט די קוילנשטאף און מיט אביסל וואסער און קלאראפיל - וואס געבט די גרינקייט פאר די פלאנצונגען - און מישט זיך צונויף צו פארמירן קראכמאל (סטארטש). די קראכמאל איז די ווייץ - דאס איז די ברויט; די חלב חטה, די פעטנס פון די ווייץ.

## עסן לופט

**עס** קומט ארויס פון דינע לופט! דאס איז וואס אייער ברויט איז - עס איז קוילנשטאף (קארבאן דיאקסייד). ווייל אז איר נעמט א שטיקל ברויט און איר פארברענט עס, ווערט עס שווארץ; נאר די קוילן (קארבאן) פארבלייבט. אלזא, ברויט איז קוילן. פון וואו קומט קוילן? די קוילן איז געווען אין די לופט אין פארעם פון קוילנשטאף.

ווי אזוי קומט עס ארויס פון די לופט? עס איז א נס ווי אזוי תבואה קען ארויסציען קוילנשטאף פון די לופט און אריינפירן די קוילן אין אירע צעלן. למעשה איז די קוילנשטאף בלויז דריי טיילן פון צען טויזענט אין די לופט, און דא שטייט די תבואה און ציט אריין די קוילנשטאף פון די ארומיגע לופט. אין א מינוט זויגט עס ארויס די גאנצע קוילנשטאף, דערנאך וואלט די פלאנצונג געדארפט אפשטארבן. אבער ניין! דערפאר האט דער באשעפער באשאפן דעם ווינט. אִי אֶפְשָׁר לְעוֹלָם בְּלֹא רוּחוֹת - אן דעם ווינט וואלט די וועלט נישט געקענט עקזיסטירן (תענית ג:). דער ווינט טוט באוועגן די לופט, אזוי אז ווען די תבואה זויגט אויס די קוילנשטאף פון די לופט ארום דעם, טוט די ווינט אריבערפירן נייע לופט אויף דעם ארט און יעצט האט די פלאנצונג א נייער קוואל פון קוילנשטאף. אזוי האלט לופט אין איין זיך באוועגן - נסי ניסים. דאס מיינט, אז ווען איר שפירט א ווינטל איז דאס א דערמאנונג אז אייער ברויט ווערט אצינד פראדוצירט פאר אייך.

איך וועל נישט אויפנעמען די צייט צו דערציילן וויפיל פאקטישע ניסים פאסירן אין די פראדוקציע פון עסן. עס איז אזוי אויסטערליש אז איר וועט מיינען אז עס איז א גוזמא; איר וועט מיר אפילו נישט גלייבן. אבער דער אמת איז אז די גרויסע וואונדער פון ברויט איז א צאמשטעל פון אזויפיל קאמפליצירטע ניסים אז מיר דארפן דאנקען דעם באשעפער נישט נאר פאר דעם איינעם נס פון ברויט - מיר דארפן אים דאנקען פאר הונדערטער און הונדערטער ניסים. זאגנדיג דעם צאל הונדערטער איז דאס אן אונטערשאצונג, ווייל אייגנטליך פעלט זיך אויס מיליאנען דעטאלן וואס דארפן קאאפערירן איינע מיט די צווייטע כדי צו

פראדוצירן ברויט. אלזא, אויב מען קען נעמען קוילנשטאף פון די לופט און מאכן דערפון ברויט, איז דאס א נס פונקט אזוי שטוינענד ווי ווען די מן איז געפאלן פון הימל.

## גרויסע ווערטער ערקלערן גארנישט

**יעצט** וועט דער יצר הרע קומען און שעפשען אין אייער אויער, "נו מילא, דאס איז דער פראצעדור פון כעמישע אויסארבעטונג (פאטא-סינטעסיס); די זון דינט צו אויסארבעטן די עסן מאטריאל פון די קוילנשטאף און די וואסער. די קערנדלעך און וואָרצלען זאפן איין די נארשאפטן פון די ערד און אזוי ווייטער און ווייטער."

איז מיינט איר אז אויב איר ניצט די הויכע טערמינען פון די וויסנשאפט ביכער צו ערקלערן דעם פראצעדור, ווערט עס א קלענערער נס?! אינגאנצן נישט! דורכשטודירנדיג די דאזיגע פראצעדורן מאכט אייך נאר מער אויפמערקזאם אויף וויפיל ניסים עס דארפן פאסירן אז דאס ווייץ קערנדל זאל וואקסן. נאר ווייל מיר זעען די ברויט יעדן טאג ווערן מיר אזוי צוגעוואוינט צו די גרויסע ניסים.

## אן איבערראשונג אין כנען

**אויב** דער נס פון די מן וואלט פאסירט בלויז איין מאל, אה וואלט דאס געווען עפעס! אבער אזוי ווי עס איז געשען פערציג יאר, זענען די אידן געווארן צוגעוואוינט דערצו און עס האט אויפגעהערט צו באטראכט ווערן ווי א נס.

פיל מענטשן זענען געבוירן געווארן צו די מן און זיי האבן קיינמאל נישט געקענט קיין אנדער סארט עסן; פון זייער פריסטער יוגנט האבן זיי געזען די מן יעדן טאג אראפפאלן פון הימל, לויט זייער פארשטאנד דארף דאס אזוי זיין. איר ווייסט ווען זיי וואלטן געווארן איבערראשט? ווען זיי וואלטן ארויסשפאצירט פון זייער לאגער און באזוכט דאס לאנד פון מדין אדער פון מואב און געזען אז די עסן קומט נישט אראפ פון הימל. זיי וואלטן זיך געוואונדערט, "וואס גייט דא פאר? פארוואס קומט נישט אין דעם ארט אראפ קיין מן?!" אזוי איז טאקע געווען ווען די אידן זענען אנגעקומען צו ארץ כנען און זיי האבן געזען ווי עסן קומט ארויס פון די ערד. ביי זיי איז דאס באטראכט געווארן ווי א גרויסער נס. "קוקט! אזא נס! עסן קומט ארויס פון די ערד!"

## אפטע ניסים

**דער** אמת איז אז ביידע זענען ניסים, נאר די געוואוינהייט מאכט אז מ'זאל עס נישט באמערקן. אפילו דער גרעסטער נס, אויב פאסירט עס יעדן טאג פאר יארן לאנג, טוט מען עס געווענליך איגנארירן. אין מדבר איז דער מן געווען אפילו אן אפטערע ערשיינונג ווי מיר האבן היינט רעגן. עס רעגנט דאך נישט יעדן טאג, אין די צייט וואס די מן איז יא געפאלן יעדן טאג (אויסער שבת). אבער פונקט ווי ביי די מן, שטעלט זיך קיינער נישט אפ צו באוואונדערן דעם נס פון רעגן.

דער פאקט איז אבער אז ווייל עס פאסירט אפט פארמינערט עס נישט די גרויסקייט פון דעם נס, און פונקט ווי ביי די מן, וויל דער באשעפער אז מיר זאלן טראכטן און געדענקען פון אלע ניסים וואס ער טוט מיט אונז שטענדיג.

## פול אן דיינע געדאנקען

**עס** איז נאר א שאד אז מיר טראכטן נישט אריין. וואלט עס דען נישט געווען א גוטער געדאנק, ווען איר שפאצירט אויף די גאס זאלט איר זאגן אזוי: "פון יעצט ביז צום קומענדיגן שטאנג וואס געפינט זיך אינמיטן פון די גאס, וועל איך טראכטן פון די מן. איך גיי זיך פארשטעלן ווי איך בין אין מדבר מיט דאס גאנצע אידישע פאלק און ווען איך וועק זיך אויף אינדערפרי זע איך מן אויף די ערד אינדרויסן," דערנאך ביים

קומענדיגן טייל פון די גאס וועל איך טראכטן וואספארא טעם די מן האט געהאט. אוהא! צו עסן לחם מן השמים! וואספארא איבערלעבעניש דאס מוז זיין - געטליכע עסן! און דאן גייט איר אריבער די גאס און שפאצירט ווייטער אויף דעם צווייטן גאס. איז דען איין גאס גענוג צו טראכטן פון די מן?! איר זאלט גיין כאטש צוויי מייל טראכטנדיג פון די מן. א קלוגער מענטש וועט אנפילן זיינע געדאנקען מיט די סארט מחשבות; וויפיל ער קען וועט ער זיך אלץ דערמאנען פון דעם גרעסטן נס אין די היסטאריע פון די וועלט.

געוויסע מענטשן זאגן פרשת המן יעדן טאג נאכ׳ן דאווענען - זייער גוט, געוואלדיג - אבער עס איז נישט גענוג צו זאגן די ווערטער. מען דארף זיך עס פארשטעלן, האלטן אין קאפ דער ציור פון די מן, ווי ווייט מעגליך.

## חלק ג: שניי פון הימל

### די ווייסע דעקע

**מאכט** זיך אין א ווינטער טאג וואס מיר ווערן ספעציעל באשאנקען מיט ווייסע שניי וואס פאלט צו די ערד. די שנייעלעך פאלן פון הימל אונז צו מזכה זיין מיט א ציור פון די גרויסע וואונדער פון באשעפער וואס שפייזט זיין וועלט. אז איר באטראכט די ווייסע דעקע אויף די ערד, קענט איר דערקענען אין דעם א שטיקל ענליכקייט צו די מן וואס איז געפאלן אויף די ערד אין די צייטן פון אונזערע אור-עלטערן. עס איז כדאי צו אויסניצן די סצענע פון די הערליכע שניי דעקע און טאקע טראכטן פון די מן.

אויב איר וועט צולייגן אביסל קאפ דערצו וועט איר זען די ניסים אין די שניי פונקט ווי אונזערע אור-עלטערן האבן געזען ווען זיי האבן געזען די מן פאלן פון הימל. נאר ווייל מיר טראכטן נישט דערפון, מיר טוען עס נישט אדורך, דערפאר ווערט די גאנצע לערע דערפון איגנארירט. אפשר פאר די קינדער דערפרייט עס - זיי ווילן האבן א טאג פריי און שפילן אין די שניי, אבער פאר אנדערע מענטשן, וואס איז עס דען? עס איז נאר שניי.

אבער פונקט ווי מיר האבן גערעדט פריער, אזוי איז עס אויך געווען אין מדבר. אין אנהייב זענען זיי געווען איבערראשט און פרייליך דערמיט און אז וואכן און יארן זענען פארביי, זענען זיי געווארן צוגעוואוינט דערצו. עס איז פונקט ווי די שניי - שניי איז אויך א נס ווי מן, נאר מען ווערט צוגעוואוינט דערצו.

### אויסגעפארעמט מיט א חשבון

**יעדע** שניי ברעקעלע איז א מערקווירדיגער נס פאר זיך. אויב איר באטראכט גוט איין שניי ברעקעלע וועט איר ווערן פארגאפט איבער די פונקטליכקייט פון די קריסטאל פארעם דערפון - און עס זענען דא מערערע סארט פארעמס. עס איז פאר אונז נישט מעגליך צו פארשטיין דעם פונקטליכן ציל פון יעדן שפיץ און עק פון די אינטערעסאנטע פארעמס פון אלע שניי ברעקעלעך, אבער דאס קענען מיר זיך פארשטעלן אז עס האט א פונקטליכן חשבון, אזוי אז ווען עס פאלט איינע אויף די אנדערע זאל עס זיין לויז און פוכיג. עס האט לופט אינצווישן און איז נישט צאמגעדריקט. דאס איז איינע פון די געוואלדיגע חסדי ה׳ וואס מיר דארפן אדורכטון.

### שניי און וואל

**דוד** המלך זאגט, הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר - דער באשעפער געבט שניי אזוי ווי וואל. פרעגט זיך א שאלה, פארוואס פארגלייכט ער שניי צו וואל? נאר ווייל עס זעט אויס ווי וואל ניצט עס דוד המלך אלס א פאעטישער פארגלייך? ניין, נישט אויף דעם שטייגער האט ער צאמגעשטעלט די פסוקים אין תהלים - דוד המלך רעדט נישט אויף דעם גאנג - יעדע ווארט אין דעם ספר תהלים באהאלט אין זיך פיל סודות. אויף די וועלט וועלן

מיר קיינמאל נישט משיג זיין די אלע סודות, אבער אביסל אויבערפלעכליך קענען מיר פארשטיין.

וואס איז אזוי ספעציעל פון וואל? ווען איר גייט אין גאס אין א קאלטע טאג, וואספארא מאטריאל האלט אייךווארעם? בעיקר איז דאס וואל וואס דערווארעמט די מענטשהייט פון די קעלט אינדרויסן.

פארוואס איז וואל אזוי ווירקזאם? נישט ווייל עס האט הייצונג קוואליטעטן - וואל איז נישט הייסער ווי לינען. אויב מען שטעקט אריין א היץ מעסטער אין א הויפן פון וואל וועט די טעמפעראטור נישט ארויפגיין מער ווי ווען מען שטעקט אריין א היץ מעסטער אין א הויפן פון לינען. עס איז דער קערפער פון מענטש וואס געבט ארויס די היץ - נאר די וואל לאזט נישט די היץ זיך אפטון פונעם קערפער. צווישן די אלע געקרייזלטע הארעלעך פון די וואל איז דא לופט וואס אינסולירט. די וואל ערצייגט אן אינסולאציע צום וואס פארכאפט דעם קערפער׳ס היץ צווישן דעם קערפער און דער וואלענער מלבוש, וואס די דאזיגע ווארעמע לופט האלט אפ דעם מענטש פון שפירן די קעלט פון אינדרויסן.

## עצות אין דער זייט

**דערפאר** איז בעסער, דרך אגב, צו האבן צוויי דינע דעקעס ווי איידער איין דיקע דאכענע. צוויי דינע דעקעס האבן אינצווישן פיצלעך לופט לעכער, וואס דאס איז זייער ווירקזאם אייך צו האלטן ווארעם.

אויב ליידט איר פון ווינטערביילן אויף אייערע פיס אין די ווינטער, דאן איז בעסער ווי צו אנטון איין דיקע פאר זאקן, זאלט איר אנטון צוויי דינע פאר זאקן, אזוי אז די לופט אינצווישן זאל אייך האלטן ווארעם. דאס איז אן עצה וואס אן אלטער תלמיד חכם האט מיר אמאל געגעבן און זינט דאן האט עס מיר שטארק געהאלפן.

אט דאס איז די מעלה פון וואל מיט אירע געדרייטע פאדעם קרייזלען מיט פארכאפטע לופט אינצווישן, אנדערש ווי לינען פאדעם וואס איז גראד און גלאט און פארכאפן נישט קיין לופט, אזוי אז די לופט פליסט אהין און צוריק; די הייסע לופט פון דער קערפער גייט ארויס און די קאלטע לופט פון אינדרויסן דרינגט אריין.

## ווארעמען די ערד

**אלזא**, ווען דוד המלך פארגלייכט די שניי צו וואל איז דאס טאקע א גאנץ פונקטליכער פארגלייך. שניי האט די זעלבע קוואליטעטן ווי וואל צוליב דער פארעם פון די שניי ברעקעלעך. די שניי פאלט נישט צאמגעדריקט אזוי ווי שטיקער אייז, נאר ווי פוכיגע שטיקלעך. אביסל שניי קען שאפן א זייער דיקע, לופט אנגעפילטע, צודעק. עס פאלט לויז און בלייבט פוכיג אזוי ווי וואל, און די פארכאפטע לופט אינצווישן די שניי ברעקעלעך דינט אלס א וואונדערליכער אינסולירונג. דערפאר, ווען שניי פאלט אויף די ערד איז עס ווי א וואלענע דעקע וואס האלט די ערד ווארעם.

די ערד דארף זיך האלטן ווארעם. די ערד ענטהאלט אין זיך פיל זאכן וואס קענען אפשטארבן פון די פראסט. עס זענען דא ווארצלען וואס דארפן זיך דערהאלטן ביז דעם קומענדיגן זומער ווען עס וועט שפראצן. פון וואו קומט די גראז? צי דען פלאנצן מענטשן גראז? גראז וואקסט פון די אייגענע ווארצלען. עס האט אויך זומען, אבער בעיקר איז עס אנגעוויזן אין די ווארצלען וואס קענען פארוועלקט ווערן פון די פראסט. נישט נאר גראז - עס זענען דא פיל געוויקסן וואס וואקסן ארויס יאר יערליך. די ווארצלען ליגן אין די ערד און נאכ׳ן ווינטער שפראצן זיי ארויס. אויך אלע קערנדלעך וואס זענען אין פריערדיגן סעזאן אראפגעפאלן אויף די ערד - ווען נישט די שניי דעקע וואלטן זיי פארוועלקט געווארן. און דאס איז זיכער א וויכטיגער ציל ווען דער באשעפער איז נֹתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר - ער געבט שניי ווי וואל.

## אינטערעסאנטע ווינטער נייעס

**אייגנטליך** איז דער תועלת פון שניי פיל מער ווי דאס וואס מענטשן רעדן.

עס האט פאסירט אין א שטעטל אין נעוועדע, אמעריקע, וואו עס וואוינט א פאפולאציע פון צען טויזנט איינוואוינער, אז עס איז אויסגערופן געווארן אן עמערזשענסי מצב - זיי האבן נישט געהאט קיין וואסער! מען האט געדארפט אריבערפירן טראקס אנגעפילט מיט טאנקען פון וואסער צו טיילן פאר די מענטשן.

ווי אזוי איז דאס געשען? עס איז נישט געפאלן גענוג שניי אין יענעם סעזאן. געווענליך קומט אן וואסער צו די שטעטל דורך א רערן סיסטעם וואס איז אינסטאלירט אונטערערדיש, אבער די רערן זענען אנגעוויזן אין די שניי וואס זאל עס דערווארעמען פון די ביטערע קעלטן. אזוי ווי אין יענעם יאר איז נישט געפאלן גענוג שניי צו האלטן באשיצט די רערן, איז עס געווארן געפרוירן און עס האט געפלאצט.

אן ענליכער אינצידענט האט זיך אפגעשפילט אין סאוט דעקאוטע, אמעריקע. אין א געוויסן יאר איז נישט געפאלן קיין שניי אויף די פעלדער, דערפאר איז די ערד געווארן דורכגעפרוירן ביז פיר-פינף פיס טיף אריין. ווען די פרילינג רעגנס זענען אנגעקומען, האט עס נישט געקענט אריינדרינגען אין די ערד צוליב די דיקע שיכט אייז וואס איז דארט געווען. אין יענעם יאר איז פארלוירן געגאנגען דאס גאנצע תבואה שניט (crop) עס איז גארנישט געוואקסן.

## וויכטיגע בירגער אין די ערד

**אין** צוגאב צו האלטן די ערד ווייך אוןווארעם, איז דא נאך אן אויפטו פון די שניי.

עס זענען פאראן פיל וויכטיגע איינוואוינער וואס האלטן זיך אויף אין די ערד וואס דארפן בלייבן לעבן דורכאויס דער ווינטער ווייל מיר דארפן זיי האבן פאר אונזער עקזיסטענץ, ווי צום ביישפיל, די ערד ווערים. טראץ וואס מיר האבן א ווידערווילן צו די ווערים, אבער ווען נישט זיי וואלטן מיר נישט געקענט לעבן.

עס דאכט זיך אונז אז מיר אקערן די ערד אבער דער אמת איז אז די ערד ווערים טוען דער עיקר ארבעט פון אויפאקערן פון אונטער די אויבערפלאך. דורכאויס דער ווינטער, פיל חדשים איידער דער גערטנער באשליסט צו איינשפאנען זיין אקער אייזן אדער אנצינדן זיין טראקטער צו אקערן די ערד, זענען שוין די ערד ווערים פלייסיג ביי די ארבעט צו איבערטווישן די ערד! זיי נאגן אריין די ערד מיט זייער מויל און שלינגען עס איין. ווען עס גייט אריבער זייער קישקע, ציט די קישקע ארויס פארשידענע נארשאפטן פאר די ווערים - קליינע עסן באשעפענישן וואס געפינען זיך אין די ערד. דערנאך לאזן די ווערים ארויס די ערד פון זייער קערפער, וואס דאן איז עס ריין און אויך באמוסטיגט - אצינד איז די ערד בעארבעט און אויסגעלופטערט, גרייט צו פלאנצן דערין.

אונטער די ערד געפינען זיך נאך וויכטיגע איינוואוינערס, מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה - משפחות פון די ערד, וואס די שניי באשיצט. עס זענען דא מורישקעס, קאקארויטשעס און סענטיפידס, (טויזנט פיסיגע חיי), וואס אלע פון זיי זענען וויכטיג. זיי טוען א גוואלדיגער ארבעט - זיי דערהאלטן אונז ביים לעבן. די מורישקעס און קאקארויטשעס גראבן נאכאנאנד; זיי ערמעגליכן די לופט צו אריינדרינגען אין די ערד, וואס דאס איז זייער וויכטיג פאר די שפראצונגען וואס וועלן שפעטער ארויסוואקסן.

## ערד ווערים עסקימאס

**ווי** אזוי קענען אבער די וויכטיגע שרצים דורכלעבן דעם פראסטיגן ווינטער? דער ענטפער איז אז דער באשעפער שיקט אראפ א שניי דעקע זיי צו באשיצן. אין שטאט קומען די מיסט טראקס און שארן אוועק די שניי אבער אין די דערפער זארגט דער באשעפער דערפאר אז די שניי דעקע זאל פארבלייבן. אט די שניי

דעקע דערווארעמט די שרצים און דערהאלט זיי ביים לעבן!

די שרצים געפינען זיך נישט צו טיף אונטער די ערד און ווען נישט דער צודעק פון שניי וואלט זיי פארפרוירן געווארן. אונטער די שניי איז די ערד ווי א ווארעמע היים פאר די שרצים פונקט ווי אן איגלא ווארעמט די עסקימאס וואס וואוינען דערין.

## דעקעס פאר פרישטאג

**דערנאך**, ווען די פרילינג קומט אן, דארפן מיר מער נישט די שניי - אצינד דארפן מיר וואסער. דאן האבן מיר א גרויסע טובה פון די שניי אז עס ווערט צעלאזט אלס וואסער. די וואונדערליכע דעקע וואס האט דערווארעמט די ערד דורכאויס דעם לאנגן ווינטער, טרינקט יעצט אן די ערד מיט א גוטן טרונק וואסער און פון די וואסער וואקסן ארויס געוויקסן און עסנווארג וואס שפייזן די וועלט!

שטעלט זיך פאר איר וואלט געהאט אזא דעקע! עס דערווארעמט אייך א גאנצע נאכט און דערנאך אינדערפרי ווען איר שטייט אויף, דארפט איר מער נישט קיין דעקע, עסט איר דאס אויף פאר פרישטאג. אן עסבארע דעקע; וואלט דאס נישט געווען א געוואלדיגע זאך? אזאנס איז נאכנישט ערפונדן געווארן - אן איינמאליגע דעקע וואס מען עסט פאר פרישטאג. איר לאכט? דאס איז אבער פונקט וואס די שניי איז. עס האלט די ערד ווארעם דעם גאנצן ווינטער און אין פרילינג צעלאזט זיך עס און עס דרינגט אריין אין די ערד און עס קומט צוריק ארויס אין פארעם פון א גערעטעניש פון תבואה, פירות, גרינצייג און נאך.

## שניי און ברויט

**קומט** אויס, ווען איר זעט שניי אויסגעשפרייט אויף די ערד, זעט איר א נס גארנישט ווייניגער ווי די מן - איר זעט עסן! דאס איז פונקט וואס דאס איז. ווי עס שטייט מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ כְּפִתִּים - ערווארפט זיין אייז שטיקלעך אזוי ווי שטיקלעך ברויט. פארשטייט זיך, אויב וואלט עס געווען ברויט ממש וואלט דאס געווען אומבאקוועם; מען וואלט געדארפט אכטונג געבן ביי יעדן טריט נישט צו טרעטן אויף ברויט. אבער אייגנטליך דאס איז וואס די שניי איז - עס איז ברויט, עס איז מן. דערפאר דארפן מיר דאנקען דעם באשעפער ווען מיר זעען שניי אויפ'ן גאס.

אין די פארנומענע שטעט זעט עס אויס ווי א נערווירנדע זאך, אבער עס איז נישט אזוי - עס איז דארט פאר א זייער וויכטיגער צוועק; עס איז דארט אייך צו דערמאנענען דעם נס פון די מן - די לחם מן השמים וואס מיר עסן יעדן טאג. אלזא, ווען עס פאלט שניי אויף די ערד, אנשטאט צו קרעכצן און קרומען אויף דעם, "אוי, עס איז נאכאמאל א פארכמורעטער וועטער" לאמיר טראכטן אז דאס איז די אייז באצוקערונג אויף א קוכן. שטעלט זיך פאר איר האט באקומען א גרויסער קוכן, לאנג ווי א גאס אדער מיילן לאנג און אויבן איז דא אייז באצוקערונג - ווי מער אלץ בעסער! שניי איז אייז באצוקערונג, עס ווערט דערפון גוטע זאכן. ווען איר עסט ברויט און זאפטיגע פרוכט אין פרילינג, האט איר דאס ווייל עס האט געשנייט אין דער ווינטער.

מיר זענען נאכנישט פארטיג מיט אויסרעכענען די מעלות פון שניי. דער אמת איז אז מיר האלטן נאך ביים אנהייב פון די ליסטע, אבער מיר וועלן דאס יעצט לייגן אין א זייט, נישט אויפהאלטן מיט קיין לאנגער אריכות, און צוריקגיין צו דער נושא פון די מן.

# חלק ד. ווייסקייט פון הימל

## וואס איז נאטור

**אלזא**, פונקט ווי שניי, איז די מן אויך געווען ווייס. די גמרא (יומא עה.) ברענגט א טעם דערויף, אז די מן איז געווען ווייס אלס צייכן שֶׁמַּלְבִּין עֲווֹנֹתֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל - די מן האט ווייס געמאכט די זינד פון די אידן. די

ווערטער דארפן א הסבר - ווייל די מן איז געווען ווייס האט עס אויך געמאכט אז זייערע זינד זאלן ווערן ווייס? ווי אזוי קען די מן רייניגן די אידן פון זייערע עבירות?

קען מען דאס ערקלערן אזוי: פון צווישן די גרעסטע זינד פון א מענטש איז צו אריינפאלן אין דעם טעות אז עס איז פארהאן אזא זאך ווי נאטור. 'נאטור' איז א גריכישע ווארט וואס איז ערצייגט געווארן צו פארדעקן אויף דער מציאות פון באשעפער.

אין די גמרא שפראך איז נישט פארהאן אזא ווארט ווי 'נאטור'. דארט טרעפט מען דעם אויסדרוק ווי, בִּידֵי שָׁמַיִם - דורך די הענט פון באשעפער, אזוי ווי: סָרִיס בִּידֵי שָׁמַיִם און צְמוּקָה בִּידֵי שָׁמַיִם. אלעס איז בידי שמים - דאס איז די תורה שפראך.

דער באשעפער האט טאקע באשאפן די וועלט אויף אן אופן אז עס זעט אויס ווי עס פירט זיך אליין, ווי מען קען טייטשן אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת - דער באשעפער האט באשאפן די וועלט צו טון, עס זאל אויסזען ווי עס טוט זיך אליין. עס זעט אויס נאטורליך, אלעס זעט אויס ווי בלויז א גורם און א תוצאה. אבער דער אמת'ער טייטש איז, אֲשֶׁר בָּרָא - דער באשעפער האט עס באשאפן! כִּי הוּא לְבַדּוֹ פּוֹעֵל גְּבוּרוֹת - דער באשעפער אליין טוט אלעס!

## דער פירער פון נאטור

**ווען** א מענטש באטראכט די וועלט ווי עס ארבעט לויט נאטור, ארויסלאזנדיג דעם באשעפער פון בילד, איז דאס אפיקורסות. דאס איז די ערגסטע זינד וואס איז גורם צו אלע שלעכטע מעשים.

ווי דער רמב"ם פסק'נט איז אפיקורסות ערגער ווי עבודה זרה. דערפאר, אפילו אויב א איד היט די תורה, ער האלט איין אלע געבאטן אבער ער פארגעסט אז דער באשעפער איז דער וואס טוט אלעס, ערפילט ער נישט דעם תכלית צוליב וועלכן ער איז געקומען אויף די וועלט.

ה' אחד מיינט אז 'ער' איז דער איינער, דער איינציגער; אלעס ווערט געטון דורך אים. אפילו ווען עפעס זעט אויס נאטורליך, איז עס נאר דער באשעפער וואס טוט דאס. דערפאר זאגן מיר מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם - ער מאכט די ווינט בלאזן און ער מאכט די רעגן פאלן. די רעגן און שניי פאלן נישט פון זיך אליין. עס איז נישט ריכטיג צו זאגן ארויסקוקנדיג פון פענסטער, "עס רעגנט אינדרויסן." נאר, "דער באשעפער מאכט יעצט רעגענען." אזוי דארף מען זאגן. אזוי דארף מען קוקן אויף 'נאטור'.

## וואונדער איבער וואונדער

**אלעס** ארום אונז איז אמת'ע ניסים. נאר ווייל עס פאסירט אזוי אפט קוקט מען עס אן נאטורליך - מיר פארגעסן פון דעם ה' אחד וואס טוט אלעס. אייגנטליך, אויב מיר שטודירן אדורך די זאכן ארום אונז וועלן מיר זען אז אלעס איז וואונדער


ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
"גליונות לשבת קודש"
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות על פרשת השבוע וסיפורי מעשיות




איבער וואונדער. מיר וועלן זען אז שניי און רעגן זענען ניסים. מיר רופן דאס אן ׳נאטורליך׳, אבער אויב מן וואלט געפאלן יעדן טאג וואלטן מיר אויך געזאגט אז דאס איז נאטורליך און עס וואלט נישט באצייכנט געווארן אלס א ביישפיל פון השגחת ה׳.

אונזער ציל דא איז אז מיר דארפן זיך לערנען צו אפטון פון זיך די פאראהארטעוועטע הערצער און מאטריאליסטישקייט און מיר דארפן טראכטן פון די זאכן: פארוואס איז דאס אז די וואסער ווערט ווייס און פוכיג ווען עס דארף פאלן אויף די ערד? און פארוואס אין אזעלכע אינטערעסאנטע פארעמס? ווי אזוי פארכאפט עס לופט? ווי אזוי האלט עס די ערד ווארעם? פארוואס צעלאזט זיך עס נישט גלייך? ווי אזוי לעבן די ערד ווערים אדורך דעם ביטער קאלטן ווינטער? פארוואס איז שניי ווייס? עס וואלט געקענט זיין בלוי-גרין אדער סיי וועלכע אנדערע קאליר, אבער די ווייסע קאליר האלט אפ די זון פון דורכשיינען, אזוי צעלאזט זיך נישט די שניי.

## דער וויכטיגסטער ציל

**פארוואס** פאסירן די אלע ניסים? דאס איז מיט א ציל אז מיר זאלן דאס זען און אנערקענען אז עס איז דא א בורא וואס מאכט דאס אלעס. דערפאר איז אויך די מן געפאלן פערציג יאר! צו איינ׳חזר׳ן אין אונזער קאפ אז אלעס איז פון דעם באשעפער, אז אלעס איז פאקטיש לחם מן השמים, און צו וויסן אז דער באשעפער איז דער וואס מאכט ווייס די זינד פון די אידן.

און דאס איז ווי אזוי מיר דארפן געדענקען די מן. עס איז א דערמאנונג אז וואס מיר זעען אין די וועלט איז גארנישט, נאר דער אויבערשטער. ׳און דער באשעפער האט געזאגט צו משה: "אט וועל איך ממטיר זיין צו אייך, איך וועל מאכן רעגענען עסן פון הימל." (בשלח טז:ד).׳ דער אויסדרוק ׳ממטיר לכם - איך וועל מאכן רעגענען צו אייך׳ איז אינטערעסאנט, אבער עס קומט אייך צו דערמאנען אז דער באשעפער איז דער וואס איז גורם אלעס!

די מן איז געקומען לְמַעַן הוֹדִעֲךָ - כדי צו מאכן באוואוסט פאר דיר, כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם - אז נישט נאר דורך ברויט אליין לעבט דער מענטש כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִי הַשֵּׁם יִחְיֶה הָאָדָם - נאר דורך דאס וואס גייט ארויס פון די מויל פון באשעפער לעבט דער מענטש (דברים ח:ג). לְמַעַן הוֹדִעֲךָ - צו מאכן באוואוסט פאר דיר, מיינט ׳דיר צו געבן דעם דעת׳, דיר צו געבן די ריכטיגע וויסנשאפט וואס מען קען קונה זיין דורך געדענקען די מן. און די גרעסטע וויסנשאפט ווערט ענטהאלטן אין צוויי ווערטער - אז אלעס איז ׳ה׳ אחד׳!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב**
פאר השי״ת אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט**
**הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## וואס זאל א מענטש טון ווען ער פארלירט זיין ארבעט?

## תשובה:
**די** גאנץ ערשטע שריט זאל זיין צו זוכן א נייע ארבעט. דאס איז נומער איינס ווייל א מענטש טאר נישט גיין ליידיג. ליידיג גיין מאכט א מענטש קראנק.

דערפאר, ווילאנג מען האט נאכנישט געטראפן א נייעם פאסטן מוז מען זיך טרעפן וואס צו טון. אויב א מענטש קען גוט אויסניצן זיין צייט, איז פאר אים פרייע צייט א ברכה - ער באקומט פון באשעפער אן אפרו תקופה וואס ער קען אין די צייט אריינכאפן צו דורכלערנען א מסכתא אדער אנדערע ספרים, ביז ער טרעפט א נייע ארבעט.

מערסטנס מענטשן ווייסן אבער נישט ווי אזוי אויסצוניצן ליידיגע צייט און זיי ווערן דערפון קראנק. הבטלה מביאה לידי שיעמום - ליידיג גיין ברענגט לאנגווייליגקייט (כתובות נט:). עס איז זייער וויכטיג צו זיין פארנומען. אין פאל וואס מען האט נישט וואס צו טון, זאל מען אריינכאפן מצוות. עס זענען פארהאן אומצאליגע גוטע זאכן וואס מען קען טון אויף די וועלט, אן א שיעור מצוות מיט וואס זיך צו האלטן פארנומען.

דער עיקר זאל מען געדענקען, א מענטש זאל נישט גיין ליידיג. ער זאל אלעמאל האבן וואס צו טון, פאר די טובה פון זיין אייגענע געזונט.

נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י
מוה"ר ר' יצחק מייזעלס הי"ו
לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב
---
מוה"ר ר' יואל זאבעל הי"ו
לרגל נישואי בתו שתחי' למזל טוב
---
זכות הלימוד יעמוד להם להתברך ברב נחת דקדושה
מכל יו"ח מתוך שמחה וכל מילי דמיטב